# אינטערעסאַנטע פאַסירונגען פון ...

פון הרב א. ב. שורין

## הרב סאָלאָווייציק׳ס אינטערעסאַנטע רעדע

דער געשפּרעך פון דער פאַרגאַנגענער וואָך אין די תורה־קרייזען פון ניו יאָרק איז געווען דער יערליכער תורה־שיעור פון הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייציק, וואָס ער האָט געזאָגט אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן, אין טאָג פון זיין פאָטער׳ס יאָרצייט. זיין פאָטער איז געווען דער בארימטער גאון ר׳ משה סאָלאָווייציק, ראש הישיבה פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן.

הרב סאָלאָווייציק׳ס יערליכער תורה־שיעור איז געוואָרען אַ אַקאַדעמישע פאָלקס־טריבונע, וואו עס קומען זיך צונויף יעדעס מאָל אידען פון ברייטערע קרייזען פון ניו יאָרק. צווישען דעם טויזענט־קעפּיגען עולם, וועלכער האָט אָנגעפילט דעם גרויסען בית־מדרש פון דער ישיבה, וואו מען איז געשטאַנען ממש קאָפּ אויף קאָפּ, האָט מען געזעהן די פּראָמינענטסטע רבנים, ראשי ישיבות, ישיבה־בחורים פון אַלע ישיבות, סטודענטען, פּראָפעסאָרען, העברעאישע און אידישע שרייבער און ליטעראַטען און סתם בעלי־בתים לומדים. אַלע זיינען געקומען הערען און לערנען!

הרב סאָלאָווייציק האָט פאַר פיר שטונדען צייט, פון 7 ביז 11 אין אָוונט, כסדר געהאַלטען געשפּאַנט מיט גרויס אינטערעס אָט דעם קאָליר־פולען עולם.

דער גלענצענדער תורה־שיעור איז געווען געפלאָכטען פון הלכה און אגדה, פילאָסאָפיע און קלאַסישען דרוש. דער הויפּט־געדאַנק זיינער איז געווען, אַז די „אייביגקייט“ פון אידישען פאָלק איז באַזירט נאָר אויף „המשך“ (קאָנטיניואיטעט). די אידישע געשיכטע איז איין לאַנגע קייט, וועלכע ציט זיך פון בראשית ביז היינט. און כאָטש אידען זיינען געוואָרען אַ פאָלק נאָך יציאת מצרים, אָבער דער „המשך“ ציט זיך דורך די אָבות, אברהם, יצחק און יעקב אויף צוריק ביז בראשית.

המשך, האָט געזאָגט הרב סאָלאָווייציק, איז באַזירט הויפּטזעכליך אויף „זכרון“ (געדענקען). די לעבענסקראַפט און עקזיסטענץ פון דער טראַדיציאָנעלער „כנסת ישראל“ איז געשטעלט אויף זכרון. און דאָ ליגט דער טיפער אונטערשייד צווישען דער גוי׳־אישער וועלט און דעם אידישען פאָלק. די וועלט האָט פאַרשריבען איר קולטור־געשיכטע אויף טאַבלעטען, שטיינער, סטאַטועם און פּיראַמידען. די אידישע קולטור־געשיכטע איז אָבער באַזירט הויפּטזעכליך אויפ׳ן זכרון.

די וועלט, וועלכע האָט פאַרזיגעלט איר געשיכטע אין שריפט, האָט אָבער גלייכצייטיג אַ נייגונג צו „פאַרגעסען“. דאַגעגען דער אמת׳ער אידישער פאָלקס־כאַראַקטער שטריך איז צו געדענקען. אַלס ביישפּיל האָט הרב סאָלאָווייציק געבראַכט דעם היסטאָרישען פאַקט, אַז נאָכדעם ווי עמלק איז באַפאַלען דעם אידישען פאָלק געהעכדיג פון מצרים און גאָט האָט אָנגעזאָגט דעם אידישען פאָלק פאַר דער צוקונפט אָפּצומעקען דעם זכר פון עמלק, שטעהט אין פּסוק: „און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן: שרייב דאָס אויף פאַר אַ זכרון אין אַ בוך און טו עס אריין אין די אויערען פון יהושע, אַז אויסמעקען וועל איך אויסמעקען דעם זכר פון עמלק פון אונטער דעם הימעל“. מיר זעהען, אַז צוגלייך מיט׳ן פאַרשרייבען אין בוך האָט גאָט אָנגעזאָגט עס צו האָבען אין זכרון.

זכרון דאָס איז די הויפּט איינגענשאַפט פון אידישען פאָלק דורך אַלע דורות ביז היינט.

און זאָל מען וויסען, רופט אויס הרב סאָלאָווייציק, אַז דאָס וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו האָבען מדינת ישראל, איז נאָר אַ דאַנק דעם „זכרון“ פון דער אייביגער כנסת ישראל.

די מאָדערנע וועלט האָט אַ שוואַכקייט פאַר זכרון. זי פאַרגעסט גיך. אָט האָט שוין די מאָדערנע וועלט פאַרגעסען די קאָנצענטראַציע־לאַגערען און גאַז־קאַמערען פון דעם „דייטשען הערען־פאָלק“, און דעם גרויסען חורבן, וואָס זיי האָבען פאַראורזאַכט פאַר דער וועלט.

הרב סאָלאָווייציק האָט אויך ניט געשאָנעוועט דעם מאָדערנעם איד, וואָס וויל אויך „פאַרגעסען“. ער האָט אויך באַמערקט שאַרף, אַז די היינטיגע מאָדערנע „כנסת“ פון ישראל האָט צו גיך פאַרלאָרען דעם זכרון אַנטקעגען דעם נאַצי־עמלק. די טראַדיציאָנעלע כנסת ישראל, האָט הרב סאָלאָווייציק געזאָגט, וואָלט אַזוי גיך ניט פאַרגעסען און וועט ניט פאַרגעסען.

די אייביגע אינטערעסען פון „כנסת ישראל“ זיינען נאָך היינט וויכטיגער אפילו ווי די היינטיגע כנסת. און אַ פאָלק האָט ניט קיין זכות הקיום אויב ער פאַרלירט זיין היסטאָרישען זכרון, האָט הרב סאָלאָווייציק אויסגערופען.

צווישען די פילע בליציגע געדאַנקען האָט הרב סאָלאָווייציק אָנגעמערקט, אַז די גרינגשעצונג פון דעם מאָדערנעם קינד צו זיינע עלטערן נעמט זיך אויך פון דעם, וואָס דער מאָדערנער איד האָט פאַרלאָרען זיין זכרון. וואָלט דער מאָדערנער איד געדענקט ווי זיין טאַטע־מאַמע זיינען ניט געשלאָפען קיין נעכט און ווי צערטליך זיי האָבען זיין קעפּעלע באַטאַפּט אין מיטען דער נאַכט, צי ער האָט ניט, חס ושלום, קיין טעמפּעראַטור, וואָלטען אַלטע טאַטע־מאַמע געהאַט אַ בעסערע מערכה ביי זייערע קינדער.

הרב סאָלאָווייציק האָט אויפגעוויזען פון חז״ל, אַז „כבוד אב ואם“ טיילט זיך אין צוויי: די פיזישע פליכט פון קינד צו זיינע עלטערן און די מאָראַלישע פליכט, וועלכע מיינט רעספּעקט פאַר עלטערן. אין דער תורה ווערט עס באַצייכענט מיט די טערמינען פון „כיבוד“ און „מורא“. אויב ס׳זיינען נאָך פאַראַן קינדער, וועלכע ערפילען זייער פיזישע פליכט צו זייערע עלטערן, זיינען אָבער דאָ זעהר ווייניג, וועלכע רעספּעקטירען זייערע עלטערן. די אורזאַך דערפון איז ווייל אונזער מאָדערנער איד איז שוואַך אויפ׳ן זכרון.

[illegible] [illegible] 23, 1953